**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## בופאלא פירער און געוויילטע אפיצירן אינדארסירן גאווערנער האקולס ניו יארק האוזינג קאמפאקט נאך מערב ניו יארק קאנפערענץ

גאווערנער קעטי האקול האט אנגעפירט א קאמיוניטי קאנפערענץ מיט לאקאלע פירער און אויסגעוויילטע אפיצירן אין בופאלא צו דיסקוסירן די ניו יארק האוזינג קאמפאקט - דער גאווערנערס ארומנעמיגע סטראטעגיע אדרעסירט אין דעם שטייער-יאר 2024 עקזעקוטיווע בודזשעט צו אדרעסירן ניו יארק'ס הייזער קריזיס און בויען 800,000 נייע הייזער אין די קומענדיגע צען יאר. אדוואקאטן האבן זיך אנגערופן אין שטיצע פאר דעם פלאן, וואס בויעט אויף דעם גאווערנערס וויזיע צו מאכן ניו יארק מער וואוינעוודיג, מער צוגענגלעך, און זיך קענען מער ערלויבן.

**אירי קאונטי אינדוסטריעלע אנטוויקלונג ביורא פרעזידענט און CEO דזשאן קאפעלינא האט געזאגט,** "קאמיוניטי אנטוויקלונג מוז ווערן אריינגעוועבט אין סיי וועלכע הצלחה'דיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע; די צוויי זענען אומצערייסלעך פארבינדן. האבנדיג א גענוגיגע אויסוואל פון הייזער וואס איז צוטריטלעך פאר אונדזערע ארבעטסלייט איז קריטיש צו צוציען אייגנטימער און באשאפן פאסטן-געוואוקס אין ניו יארק. די ECIDA איז צופרידן צו האבן א זיצארט ביים טיש צו סטראטעגירן ווי אזוי די ארבעטסלייט זאלן ערפילן די הייזער צילן אוועקגעשטעלט ביי דער גאווערנערס האוזינג קאמפאקט."

**מענטשן אינק. פרעזידענט און CEO ראנדע פרעדעריק האט געזאגט,** "אלץ איינע פון די גרעסטע צושטעלער פון צוטריטלעכע הייזער אין מערב ניו יארק, לויב איך גאווערנער האקול פאר איר מפורט'דיגע האוזינג קאמפאקט פלאן. גאווערנער האקול האט א ספעציעלע פראספעקטיוו אויף וואס מ'דארף האבן צו מאכן האוזינג געשען ביים לאקאלן שטאפל ווייל זי איז געווען האמבורג טאון ראַט מיטגליד, און זי פארשטייט זאכן אזוי ווי זאנינג און SEQR. אלע זאכן וואס מיר האבן געארבעט מיט איר צוזאמען אין דער 1990'ס. ס'איז שוין צייט אז די סטעיט און ניו יארק זאל האבן א פלאן אזוי ווי דער גאווערנערס אז מיר זאלן איבערקומען NIMBY אין אונדזערע קאמיוניטיס און באשאפן דירה געלעגנהייטן פאר מער מענטשן און אין מער קאמיוניטיס אין אונדזער געוואלדיגע סטעיט."

**סיטי און בופאלא מייאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז כדי צו פארגרעסערן אונדזער עקאנאמיע, דארפן מיר פארברייטערן אונדזערע צוגענגלעכע הייזער סטוק. די עקזעקוטיווע בודזשעט פריאריטיזירט א נייטיגע פארברייטערונג פון הייזער וועלכע די שטאט פון בופאלא קוקט אויס צו ערפילן און נאך מער. איך טו אויך אפלאדירן איר אדמיניסטראציע פארן צושטעלן די רעסורסן פאר קאמיוניטיס צו גרייכן די קריטישע מיסיע."

**שטאט פון בופאלא אלגעמיינע קאונסול פרעזידענט דאריוס ג. פרידזשען האט געזאגט,** "גאווערנער האקולס ניו יארק האוזינג קאמפאקט איז נאך א טריט אין דעם ריכטיגן ריכטונג צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן די מעגלעכקייט ממשיך זיין צו וואוינען און זיך ערלויבן קוואליטעט האוזינג. איך גלויב אז זי

האט געהערט פון די מענטשן אין מערב ניו יארק, אז מיר האבן א האוזינג קריזיס און די קאמפאקט איז איין ענטפער וואס אדרעסירט די באדערפעניש. אלץ אן אדוואקאט פון געמישטע הכנסה קאמיוניטיס און צוגענגלעכע הייזער, טו איך לויבן גאווערנער האקול וועגן איר פארשלאג, און איך ווייס אז עס וועט העלפן אונדזערע ווייניגער גליקלעכע און נויטיגע."

**בופאלא מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט עקזעקוטיוו דירעקטאר דזשיליען בראון האט געזאגט,** "אלץ עקזעקוטיווע דירעקטאר פון דער בופאלא מוניציפאלע האוזינג אויטאריטעט - NYCs צווייטע גרעסט בופאלא האוזינג אויטאריטעט - ווייס איך אלץ צו גוט וואס פארא שאדענס קומען ארויס פון אונדזער סטעיטס מאנגעל אין האוזינג. איך שטיץ ענטוזיאסטיש גאווערנער האקולס פארגעשלאגענעם האוזינג קאמפאקט, און איך קוק זיך ארויס אויף א שטארק נייטיגע פארמערונג אין מערב ניו יארקס צושטעלן פון האוזינגביידע צוגענגלעכע און מארק פרייז."

**סיטי פון ניאגארא פאלס מייאר ראבערט רעסטעינא האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר אויפן פאקוס וואס אונדזער גאווערנער האט געלייגט צו מאכן ניו יארק מער וואוינעוודיג און צוגענגלעך. איר דירעקטע אימפאקט אויף א זייער נאכלעסיגע פראבלעם אין אונדזער סטעיט איז אנגעוויזן אין איר שטאלצע פירערשאפט. אונדזער סיטי נוצט אויס די געלעגנהייט פון אירע באמיאונגען צו פארבעסערן אונדזער קאמיוניטי פאר אלע איינוואוינער."

**סיטי פון דזשעימסטאון מייאר עדי סונדקוויסט האט געזאגט,** "איך דאנק דעם גאווערנער פאר זיך אוועקזעצן מיט קאמיוניטי פירער און מסביר געווען איר פארשלאג פאר דער ניו יארק האוזינג קאמפאקט. דאס וועט זיין א טראנספארמאטיווע שטיקל לעגיסלאציע וואס פרובירט זיך א נעם טאן צו די האוזינג פארמעסטונגען איבער דער סטעיט. איך קוק זיך אויס ממשיך צו זיין די דיסקוסיעס ווי אזוי די פארשלאג קען אמבעסטן ווערן אדורכגעפירט אין סיטיס אזוי ווי דזשעימסטאון."

**סיטי פון דונקירק מייאר ווילי ראסאס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט פרעזענטירט א שטאלצע וויזיע און פלאן צו אדרעסירן די פונדאמענטאלסטע נויט מיט איר ניו יארק האוזינג קאמפאקט צו קעמפן די קריזעס שטאפל פארלאנג פאר קוואליטעט, צוגענגלעכע און זיכערע האוזינג אין דונקירק און איבער דער סטעיט וואס וועט טרייבן אונדזער דאונטאון צוריק-אנטוויקלען און אונדזער לאקאלע עקאנאמיע אין דער צייט וואס אונדזערע אייגנטימערס קונקערירן פאר ארבעטער פון שכינות'דיגע סטעיטס. אונדזערע בירגער און ביזנעסע טוען שטענדיג זיך פאררופן אויף מער גוטע קוואליטעט האוזינג אלץ א פריאריטעט פאר ארבעטער פאר שכינות'דיגע סטעיטס."

**שטעטל פון אמהורסט אויפזעער ברייען דזשעי. קולפא האט געזאגט,** "דער גאווערנערס האוזינג ציל איז איינרייסעריש אבער צום דערגרייכן. אלץ מוניציפאליטעטן דארפן מיר צילן צו פארמערן האוזינג אין איינעם מיט פארמערטע פאסטן געלעגנהייטן. דאס איז דער איינציגער וועג וואס מיר וועלן וואקסן אלץ א ראיאן. איך טו אינגאנצן שטיצן דעם האוזינג קאמפאקט און אמהערסט איז אויפן וועג צו דערגרייכן דעם דריי יאר, 1 פראצענט געוואוקס אין ווייניגער פון א יאר. איך וויל דאנקען דעם גאווערנער פארן געלעגנהייט צו דיסקוסירן מיין וויזיע צו איבער-אנטוויקלען דעם בולווואר איינקויף צענטער, נעמענדיג אן אייציגע באניץ לאנד און פאָרלייגן א געמישטע באניץ, וואס וועט כולל זיין 3,000 האוזינג דירות. דער שטעטלס פלאן נעמט אויך אין חשבון פאר UBs הצלחה און געוואוקס אין אנטוויקלען א געניטע ארבעטס-כוח וואס מיר ווילן זען בלייבן אין מערב ניו יארק."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן